# פרשת בהעלותך י"ג– י"ט סיון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי הרה"ג **נפתלי הירצקא פריעדמאן** שליט"א דומ"ץ אוסטריק השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען אלע חשוב'ע עלטערן און זיידעס און עלטער זיידעס, וואס זענען זיך געקומען משתתף צו זיין אין די שמחה פון זייערע קינדער און אייניקלעך. עס איז א גרויסע שמחה אז מען ברענגט אריין א קינד און א אייניקל אנצוהייבן לערנען תורה הק'. א מענטש האט נישט קיין גרעסערע זכיה, פון ערציען קינדער בני תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו. זאל דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן, און מען זאל ווייטער קענען זעהן ביי זיי אסאך יודיש נחת.

**די** תורה הק' הייבט אן די וואך מיט די מצוה פון הדלקת הנרות, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). רש"י טייטשט, אז בהעלותך את הנרות, איז א לשון עלייה. ווען דער כהן האט אנגעצינדן די נרות, איז מען נישט אוועקגעגאנגען פונעם נר, עד שתהא השלהבת עולה מאליה, ביז די פייער איז געווען גענוג הויך, אז עס זאל קענען ברענען אליין. דאס איז איין פרט אין די מצוה. די צווייטע פרט אין די מצוה איז, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אז אלע נרות, די דריי פון די זייט, און די דריי פון די אנדערע זייט, דארפן זיין געבויגען אל מול פני המנורה, צו די מיטלסטע חלק פון די מנורה. דאס איז די מצוה פון הדלקת המנורה. און דער פסוק פירט אויס, ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, כאשר צוה ה' את משה.

**נאכדעם** זאגט דער פסוק א ענין וואס עס איז א חלק פון די מנורה, אבער עס האט נישט צוטון מיט די מצוה פון הדלקת המנורה. וזה מעשה המנורה, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי מען האט געמאכט די מנורה. די מנורה האט מען געמאכט אז עס איז געווען מקשה זהב, עד ירכה עד פרחה מקשה היא. כמראה אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה. וואס דער חלק, ווי אזוי מען האט צוזאמגעשטעלט די מנורה, באלאנגט נישט אהער. מען רעדט שוין יעצט, ווי אזוי מען צינדט אן די מנורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז א יעדע כלי וואס איז געווען אינעם משכן, לערנט אונז עבודת ה', עס לערנט אונז ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטען. דער רבונו של עולם האט געהייסען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וואס מען זעהט אינעם תבנית פון די משכן, און אין די תבנית פון די כלים, וכן תעשו (שמות כה-ט), אזוי זאלט עטץ טון ענקער עבודה. און רש"י לייגט צו, לדורות, וואס עס איז נוגע פאר ענק אין אלע דורות. די קינדער ווערן אויך אנגערופן דורות, וואס עס איז נוגע פאר זיך און פאר די קינדער, זאל מען זיך אראפלערנען פון די תבנית פון די משכן און די כלים. און דאס איז טייטש, אז וואס מען זעהט ביי די מנורה, און ביי די הדלקה פון די מנורה, איז דא א לימוד פאר אונז ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די מנורה ווייזט אויף תורה, כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). און עס איז געווען שבעה קני מנורה, אקעגן די שבעה ספרים וואס איז דא אין תורה (שבת קטז.), חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א). וואס מען זעהט ביי די מנורה, לערנט א יוד ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן ווען עס איז נוגע צו תורה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו לז.) זאגט, אז דער ירך המנורה, דער גוף פון די מנורה, דאס איז דער רבי. די קני המנורה, וואס קומען ארויס פון די מנורה, דאס זענען די תלמידים. די קני המנורה דארפן שטענדיג קוקען אל מול פני

המנורה, צו דעם ירך וואס דאס איז דער רבי. והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ), די תלמידים דארפן זיך בייגען, און שטענדיג קוקען אויף זייער רבי.

**לענינינו** קען זיין אז עס ליגט נאך א רמז דערין. עס איז דא עלטערן, און עס זענען דא קינדער. די עלטערן זענען די גוף המנורה, און די קינדער דאס זענען די קני המנורה, וואס קומען ארויס פון די מנורה. און די תורה זאגט, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, **אז מען וויל אז די קינדער זאלן לייכטן, דארף מען וויסען, אז די קינדער זענען שטענדיג געבויגען צו די מול פני המנורה, קינדער קוקען שטענדיג ארויף אויף די עלטערן. ער ווייסט אז ער ווערט נתחנך אין דעם שטוב, און וואס זיי זעהן ביי זייער טאטע אז עס איז הייליג, איז עס ביי זיי אויך הייליג, און וואס זיי זעהן ביי זייער טאטע אז עס איז נישט אזוי וויכטיג, איז ביי זיי אויך נישט וויכטיג.** 'אל מול פני המנורה', ווי אזוי דער מול פני המנורה לייכט, 'יאירו שבעת הנרות', אזוי לייכטן די איבריגע נרות.

**און** די הדלקת המנורה דארף צו זיין, שתהא השלהבת עולה מאליה. עלטערן וואס צינדען אן די קני המנורה, טארן נישט אראפנעמען די אויג פונעם קינד, ביז ער איז שוין גענוג שטארק און רייף, אז עס זאל זיין השלהבת עולה מאליה, ביז די פייער וועט קומען פון זיך אליין. **דער אייבערשטער גיט פאר די עלטערן קינדער, איז זייער פליכט, צו באגלייטן די קינדער, און זארגען זיך פאר די קינדער. און יעדע זאך וואס מען טוט אין שטוב, דארף מען טראכטען וואס עס וועט זיין די השפעה פון דעם אויף מיין קינד. וועט עס האבן א גוטע השפעה, דארף ער עס טון, און אויב עס איז נישט א גוטע השפעה פארן קינד, מעג עס זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט על פי תורה, אבער פון דעסטוועגן דאך דארף ער זיך צוריקהאלטן און ער זאל עס נישט טון. פאר דיר איז עס טאקע גוט, אבער דו דארפסט טראכטען, אז דו ביזט א טאטע פאר דיינע קינדער, און אויב דאס וועט ברענגען א נישט ריכטיגע השפעה פאר די קינדער, טוסטו אויסלעשן די קינדער, דו טוסט אויסלעשן די קני המנורה.** די קני המנורה דארפסטו אזוי אנצינדען, ביז עס וועט צוקומען אז עס וועט זיין השלהבת עולה מאליה.

**זאגט** די תורה הק', 'בהעלותך את הנרות', אז דו ווילסט אז עס זאל זיין, שתהא השלהבת עולה מאליה, זאלסטו שטענדיג געדענקען, 'אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות', אז די קני המנורה זענען שטענדיג געבויגען צו די מול פני המנורה. זיי קוקען אויף די מנורה, און פון דארט לערנען זיי זיך אראפ, ווי אזוי זיי דארפן זיך פירן.

**עלטערן** קענען אמאל זאגען, אז עס איז נישט איינגאנצן אזוי. **א קינד דארף פארשטיין אז דער טאטע איז אנדערש, דער טאטע מעג טון אנדערש, און די מאמע מעג טון אנדערש. פאר די קינדער קען מען דרש'נען פון צניעות, און די מאמע קען גיין אנגעטון ווי אזוי זי וויל. פאר די קינדער קען מען זאגן אז מען דארף שטענדיג לערנען, און מען טאר נישט מבטל זיין די צייט, און ער זעהט אז דער טאטע איז יא מבטל די צייט. מען דארף דאווענען, קוקט ער ווי אזוי דער פאטער דאווענט, און עס איז נישט אזוי. האט די תורה געזאגט, ווען מען מאכט די מנורה, קען מען נישט מאכן עקסטער א ירך, און מען וועט צובאהעפטן דערצו די קני המנורה, נאר עס איז מוז זיין מקשה, איין שטיק. דו זאלסט נישט מיינען אז מען קען אפטיילען די קני המנורה פון די מנורה, מען קען אפטיילען די קינדער פון דיר. ניין, עס דארף זיין מקשה, א זאך וואס איז איינס, קען מען נישט אפטיילן. ווי אזוי דו וועסט זיין, אזוי וועלן זיין די קינדער.** 'וזה מעשה המנורה', די מעשה פון די מנורה איז, 'מקשה', די קני המנורה מיט די ירך המנורה זענען געווען מקשה.

**און** די תורה הק' זאגט, נישט נאר אז עס איז מקשה בכלליות, אויב דער טאטע איז א ערליכער יוד וועלן די קינדער זיין ערליכע יודען. נאר דו זאלסט וויסען, עד ירכה עד פרחה מקשה היא, סיי דער ירך וואס איז דער עיקר, און סיי די בלומעלעך וואס איז דא ביי דעם מנורה, אלעס איז מקשה, יעדע ריר וואס איז דא ביי א טאטע אין שטוב, יעדע טעלעפאן וואס ער הייבט אויף, יעדע סעלפאן וואס ער האט ביי זיך. ווי אזוי זיין באנעמונג איז אין שטוב, צו ער בייזערט זיך, צו ער

איז רואיג, צו ער קאנטראלירט זיך, צו נישט. זאלסטו וויסען עד ירכה עד פרחה מקשה הוא, די עיקר פון די מנורה, און יעדע פרח פון מנורה, יעדע פראכט פון די מנורה איז מקשה, מען קען נישט אפטיילען די קינדער פון די עלטערן. - ווען עלטערן האבן דאס במחשבה, און זיי טראכטען שטענדיג דערויף, אז וואס איך טו, דאס איז די השפעה אויף מיינע קינדער. דעמאלטס ווערן ערצויגען ערליכע קינדער אינעם שטוב. ווייל אל מול פני המנורה, ווי אזוי דער אמצעי שבמנורה איז, אזוי איז יאירו שבעת הנרות, אזוי לייכטן די איבריגע נרות.

**דער** אייבערשטער העלפט, אז מען ערציעט קינדער, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, מען קוקט אן אזעלכע שיינע לעכטיגע צורות פון די קינדער, ווי ריין זיי זענען. נישט אייביג האלט זיך די ריינקייט, ווען מען ווערט אביסל עלטער, מען ווערט אביסל רייפער וכדומה, ווייסט מען דאך ווי אזוי די ירידת הדורות איז. אז מען וויל אז די קינדער זאלן בלייבען מיט די זעלבע טהרה, דארף מען וויסען אז מיר דארף זיין א מוסטער דערפאר. זיך נישט פארלאזן אויף די חדר, זיך נישט פארלאזן אויף דעם רבי, ווען ער וועט גיין אין ישיבה דעמאלטס וועט ער שטייגען. עס איז אונזער עבודה אז מיר זאלן צוגעבן וואס מיר קענען, אז אונזערע קינדער זאלן שטייגען. דאס איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס א מענטש קען מאכן, עס איז יקרה היא מפנינים (משלי ג-טו), עס איז נישט דא נאך א זאך וואס א מענטש קען פארדינען אויף די וועלט, ווי זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער.

**און** עס איז נישט על מנת שתעלה לרקיע, מען ווייסט אז אלע עבודות אין בית המקדש האט געטון א כהן, אבער אנצוצינדען די מנורה האט די תורה געזאגט, אז אפילו א זר קען עס אנצינדען. מען זאל נישט מיינען אז מען דארף זיין א כהן אנצוצינדען די מנורה, נאר יעדער טאטע ווי אזוי ער איז, אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן קינדער, האט ער דיר געגעבן די מעגליכקייט דערצו, אז דו זאלסט קענען אנצינדען די מנורה, און עס זאל קענען זיין שתהא השלהבת עולה מאליה.

**איך** וויל זאגן בשבחו פונעם תלמוד תורה, דער חשובער מנהל רבי ראובן אלעזר, און רבי יעקב יוסף לייגען אריין געוואלדיגע כוחות. עס איז דא אסאך שאלות וואס קומען שטענדיג ארויף, וואס איז נוגע צום חינוך פון קינדער, און יעדע זאך ווערט איבערגעשמועסט, און יעדע זאך טוט מען אזוי ווי עס פארלאנגט זיך אז מען זאל עס טון. דער מלמד רבי יוסף מאיר, וואס האט שוין אזויפיל יארן חזקה, מעמיד צו זיין ערליכע יודישע קינדער, זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל זעהן אסאך נחת אין די עבודת הקודש. די הנהלה גשמיות, רבי שמואל דוד מיט אלע וואס טוען אים צוהעלפן, עס איז טאקע שווער, עס קומט נישט אן אזוי גרינג, אבער זיי זאלן וויסען, אז זיי טוען א עבודת הקודש. און דער אייבערשטער זאל זיי געבן, אז זיי זאלן קענען זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער. און מיר אלע זאלן קענען זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן ק"ס סעיף י"ב) בבית מדרשנו הגדול.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פריינד ע"ה (אלמנת הר"ר **שמואל פריינד** ע"ה).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **דניאל פאלאטשעק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמעון ווייס** הי"ו (ק"י), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר ניו דזשערזי, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשע"ז הבעל"ט. בחורי הישיבה גדולה זכו להתלוות **לרבינו שליט"א**, להיות נטפל לעושי מצוה בעת עבודת הקצירה.

**רבינו שליט"א** בדק איכות החטים ופנה לבחורי הישיבה לבאר יסודות ההלכה בקצירת חיטים, שצריך שיהיו החיטים משומרים מדבר המחמיץ, ומהגשמים היורדים עליו כשאינו צריך לקרקע, ובדברים המסתעפים מדברי השו"ע והפוסקים, שצריכים להזהר בעת הקצירה. - אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בקצירת החיטים במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

***<u>וזה תוכן השיחה לבחורי הישיבה קודם הקצירה:</u>***

ווען מען מאכט א ברכה המוציא לחם מן הארץ, זאל מען וויסען פון וואס מען רעדט. די ווייץ וואקסט פון די ערד, און פון דעם מאכט מען ברויט.

עס שטייט אין פסוק (שמות יב-יז) ושמרתם את המצות, מען דארף היטן די מצה פון חמץ. ווי אזוי היט מען אפ די מצה פון חמץ? אז עס זאל נישט צוקומען קיין וואסער דערויף. ווען עס קומט וואסער אויף ווייץ, ווערט עס חמץ. בשעת מען נעמט די מעהל, וואס איז קינמאל נישט צוגעקומען דערצו וואסער, און מען לייגט ארויף אויף דעם וואסער, נעמט אכצן מינוט ביז עס ווערט חמץ. און טאמער מען מאכט שנעל די טייג, און מען באקט עס אפ אין די אכצן מינוט, איז עס גוט.

מיר זענען מחמיר אז די ווייץ זאלן זיין שמירה משעת קצירה. פון ווען מען שניידט אפ די ווייץ, פון דעמאלטס ווערט עס אפגעהיטן אז עס זאל נישט צוקומען דערצו וואסער. על פי עיקר הלכה איז געווען שמירה משעת טחינה, אינדערהיים ווען עס איז נישט געווען איינגעפירט אז די קהלות האבן געבאקען די מצות, נאר יעדער האט זיך אליין געבאקען, האט מען געקויפט די ווייץ אויף די גאס. און פון ווען מען האט אנגעהויבן צו מאלען, פון דעמאלטס האט מען אכט געגעבן אז עס זאל נישט צוקומען דערויף וואסער. מיר זענען מחמיר אויף שמירה משעת קצירה, פון ווען מען שניידט עס אפ לייגט מען עס אוועק אפגעהיטן אז עס זאל נישט קומען דערויף קיין וואסער, ביז מען מאכט מען דערפון מצה (עיין סימן תנ"ג סעיף ד' ובנו"כ).

עס איז אבער דא א געוויסע חמץ וואס קען אויך געשען אויפן פעלד. עס רעגנט דאך, און עס קומט וואסער אויף די ווייץ, פארוואס ווערט עס נישט חמץ? ווייל ווען עס קומט וואסער אויף די ווייץ ווילאנג עס וואקסט, ווילאנג די ווייץ דארף נאך האבן די ערד, ווילאנג ער איז יונק פון די ערד, אזוי לאנג קען עס נישט נחמץ ווערן. איינמאל עס האט געענדיגט יונק זיין פון די ערד, די ווייץ איז רייף, און עס דארף שוין נישט האבן די כח פון די ערד, מען קען עס שוין אפשניידן, יעצט אז עס קומט דערויף וואסער, ווערט עס חמץ.

מען קען דערקענען אויף די ווייץ, ווען עס איז געקומען דערויף וואסער, ווייל עס ווערט מצומח. א ווייץ האט א שפאלט אויף איין זייט, ווען ביים שפיץ הייבט אן ארויסצווואקסען דערויף א קליין שטיקעלע, דאס ווערט אנגערופן מצומח. ווען דער ווייץ פאנגט אן צו יעהרן, הייבט אן צו וואקסען דערפון. און אסאך מאל ווערט עס מבוקע, עס ווערט א שפאלט אויף די אנדערע זייט אויך. אזוי ווי עס האט א שפאלט אויף די זייט, צושפאלט זיך דער ווייץ, אויך אויף די אנדערע זייט. און דאס איז חמץ גמור. סיי ווען ער איז מצומח, און זיי ווען ער איז מבוקע.

עס רעגנט דאך, און בדרך כלל שניידט מען ווען אלעס איז שוין פארטיג, ווי אזוי ווייסט מען אין אזא פעלד, צו עס איז געקומען א רעגן און עס איז געווארן חמץ, אדער נישט? ווען די מצה בעקערי'ס קומען ארויס שניידען, שניידט מען אויף א פאר פלעצער אינעם פעלד, און מען הייבט אן צו ציילען וויפיל ווייצלעך זענען גוט, און וויפיל ווייצלעך זענען נישט גוט. און אפילו איין ווייץ איז נישט גוט, עס איז חמץ, ווערט עס בטל בשישים, אזוי ווי יעדע איסור אין די תורה וואס ווערט בטל בשישים. כאטש חמץ ווערט נישט בטל בשישים, דאס איז נאר אין פסח, אבער פאר פסח ווערט עס בטל בשישים (שו"ע סימן תמ"ז סעיף ב'). ציילט מען וויפיל ווייץ מען האט.

בדרך כלל א מצה בעקעריי שניידט נישט, נאר אויב מען האט פיר אדער פינף מאל שישים אקעגן די וואס זענען מבוקע. ווייל מען ווייסט נישט וואס עס טוט זיך אינעם גאנצן פעלד. מען האט נאר גענומען פון איין ווינקל, קען זיין אז ערגעץ אנדערש איז דא מער אדער וויניגער. אבער טאמער מען זעהט אז עס איז דא צוויי הונדערט און פערציג ווייצלעך, און פון דעם האט מען געטראפן פיר ווייצלעך וואס איז געווען נישט גוט, האט מען זעכציג מאל אזויפיל. זעכציג מאל פיר, איז צוויי הונדערט און פערציג (עיין **בשו"ת מהרש"ם** ח"ב סימן ד' שכתב להקל בב' פעמים שישים, וכעין זה כתוב **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קל"ו. **ובשו"ת שמן**

**המאור** סימן ק"א כתב, דנוהגים שלא להתיר רק כשיש ד' וה' פעמים שישים).

די וואס האבן מדקדק געווען, און זיי האבן נישט געוואלט אז עס זאל זיין קיין שום חמץ אין זייער ווייץ, זיי ווילן זיך נישט פארלאזן אויף ביטול, פלעגן קלויבן די ווייץ פאר פסח. זיי זענען איבערגעגאנגען יעדע ווייצל עקסטער, און זיי האבן באקוקט יעדע ווייץ צו עס איז גוט, און וואס עס איז נישט גוט געווען, האט מען ארויסגענומען. היינט קלויבט מען נישט בדרך כלל, די מצה בעקערי'ס אוודאי נישט, נאר יחידים קלויבן ווייץ, ווייל מען פארלאזט זיך אז עס איז דא שישים אקעגן די נישט גוטע.

ווי פריער מען שניידט, איז וויניגער דא די פראבלעם. ווייל ווי פריער מען שניידט איז נאכנישט געווען אזוי סאך רעגן, און די ווייץ איז נאכנישט פארטיג געווארן. און אז די ווייץ איז נישט פארטיג געווארן, איז אפילו עס קומט דערויף וואסער, ווערט ער נישט נחמץ. ממילא דארף מען אויסרעכענען פונקטליך די צייט, אז עס זאל זיין נישט צו ווייך, און נישט צו הארט, בשעת מען טוט שניידען.

דער בעל הבית פון די פעלד קען נישט שניידען נאר ווען עס איז שוין אלעס זייער רייף. ווייל אמאל האבן צענדליגער ארבייטער'ס געשניטן, און מען האט עס געלאזט טריקענען אינדרויסן, און נאכדעם האט מען עס געדראשן וכדומה. היינט געשעט עס אין איין מינוט. ווען מען שניידט די ווייץ, גייט עס גלייך אריין אין א קאמביי"ן מאשין, און די מאשין קלאפט אויס די ווייץ פון די שאלאכטץ, עס טוט עס אפשיילען, און עס בלאזט אוועק די שאלאכטץ, און עס בלייבט איבער די ווייץ.

אויב די ווייץ איז נישט ממש טריקן, עס האט אין זיך פייכטיגקייט, ווערט עס פארשימעלט. ווען מיר שניידען, און מיר טראגן עס אהיים אזוי ווי עס איז, איז נאך דא א געלעגנהייט אז עס זאל זיך טריקענען אין שטוב אויך. אבער ווען עס קומט אריין אין די מאשין, ווערט עס תיכף אפגעשיילט, און עס בלייבט דערפון נאר די ווייץ, איז ממילא קענען נישט די מאשינען שניידען פריער. און אז מען שניידט שפעט, קען אסאך מאל זיין פראבלעמען. אויב עס האט גערעגנט אפאר טאג פארדעם, איז דא אסאך ווייץ וואס זענען געווארן מבוקע, און מען דארף וויסען וויפיל שישים עס איז דא דערקעגן. אבער אונז וואס מיר שניידען א וואך צוויי פאר די קאמפאני שניידט, און עס ווערט נאך יעצט געטריקענט, איז ממילא ביי אונז נישט אזוי ווייט דער פראבלעם, ווייל יעצט איז נאך די ווייץ גוט. עס איז כמעט זייער זעלטן אז מען זאל טרעפן אין אזא צייט ווי יעצט, א ווייצל וואס איז מבוקע.

ווען מען גייט שניידען, דארף מען נישט האבן דאס אונטערשטע פון די זאנגען, נאר דאס ביסל וואס עס איז דא די ווייץ אויבן. מען טוט אפשניידען נאר די אויבעריגע חלק, און די אונטעריגע קען מען לאזן אויפן פעלד, ווייל מען האט דערפון גארנישט. און מען זאל שניידען לשם מצות מצוה, און אז מען פלאגט זיך פאר א מצוה, די זיעה פון א מצוה ברענגט תיקונים פאר א מענטש (עיין **בטורי זהב** או"ח סימן ת"ס סק"ב בשם **האר"י ז"ל**, **ובקב הישר** פרק צ').

עס איז דא פעלדער וואס עס וואקסט אינדרזייט צוויבלעך, וואס דאס איז א פראבלעם, טאמער דאס בלייבט אינווייניג צוזאמען מיט די ווייץ, ווייל עס האט אין זיך אייגענע לחלוחית, און א שארפע לחלוחית. עס איז דא וואס האבן אינגאנצן נישט געוואלט שניידען א פעלד וואס איז געווען דערין צוויבלעך (עיין **בשו"ת בית אפרים** או"ח סימן מ', **ובשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קכ"ו, **ובשו"ת דברי חיים** ח"ב או"ח סימן ל"ח). עס איז כמעט וואס מען קען נישט אכט געבן דערויף, אבער על כל פנים אויב מען טרעפט, זאל מען וויסען וואס דאס מיינט צוויבלעך אינעם פעלד.

*

עם סיום הקצירה שח **רבינו שליט"א** עם חבורת אברכי כולל באבוב בב"פ, אשר זה עתה עוסקים בלימוד הל' פסח, והגיעו לראות ולעסוק בעבודת קצירת חטים למצות מצוה.

**<u>וזה תוכן השיחה:</u>**

**רבינו:** אמאל האט גענומען צוויי דריי וואכען ווילאנג מען האט געשניטען די ווייץ, און מען האט געדארפט אכט געבן אז די ווייץ זאלן נישט ווערן חמץ, מען האט עס צוגעדעקט. בדרך כלל האט מען פרי געשניטען, עס האט גענומען צייט ביז מען האט עס געדראשן, און מען האט עס געווינד-שאווועלט. עס האט גענומען צוויי דריי וואכען פון

ווען מען האט עס אפגעשניטען פון פעלד, ביז מען האט עס אריינגעטראגען אין מאגאזין. היינט געשעט עס אין א שעה, דער קאמביין שניידט עס אפ, און עס נעמט תיכף ארויס די שאלאכטץ, און עס ווערט תיכף אוועקגעלייגט אין א מאגאזין. און אויב די ווייץ איז נאכנישט אויסגעטריקנט אינגאנצן, הייבט עס אן צו שימלען. ווען עס האט נישט קיין לופט, ווערט עס פארשימעלט. מען קען נישט היינט אנהייבען צו שניידען ביז די לעצטע מינוט, ווען עס איז גוט טריקן.

צווייטענס, ווי לאנג עס איז ווייער אזוי ווי יעצט, ווען די מאשין הייבט אן צו שניידען, קען ער נישט אפטיילען די ווייץ פון די שאלאכטץ, ווייל עס איז ווייער, און עס ווערט צוקוועטשט. מוז ער ווארטען ביז עס ווערט גענוג הארט, אז מען קען עס צוברעכן, דעמאלטס קען די מאשין עס צוקלאפן און עס בלייבט איבער נאר די ווייץ. און וויבאלד אונז האב מיר היינט נישט קיין ברירה, מען נוצט די מאשינען ווייל מען שניידט אסאך, וועגן דעם איז ארויפגעקומען די פראבלעם, אז מען שניידט צו שפעט.

**א' האברכים:** ווילאנג נעמט פאר די מאשין צו שניידען אזא פעלד?

**רבינו:** איין טאג. אין איין טאג ליגט עס שוין אין מאגאזין.

**א' האברכים:** וואס איז געווען דער חשבון פון די רבנים, ווען מען האט אנגעהויבן צו שניידען מיט א מאשין.

**רבינו:** ווען מען איז אנגעקומען קיין אמעריקא האט מען גארנישט געקענט טון. עס איז נישט געווען עפעס אנדערש. די פארמערס האבן געטון א טובה אז זיי האבן פארקויפט די ווייץ, און מען האט געדארפט האבן ווייץ, האט מען גארנישט געקענט טון.

**א' האברכים:** מען האט זיך פארלאזט אויפן **מעיל צדקה**? (עיין **בשערי תשובה** סימן תס"ז ס"ק י"ב).

**רבינו:** בדרך כלל איז מען אדורכגעגאנגען דאס פעלד, און מען האט געקוקט אז עס זאל זיין אפאר מאל ששים.

**א' האברכים:** אבער עס האט געקענט רעגענען אויך.

**רבינו:** איז עס געווארן מצומח, האט מען געהאט א פאר מאל שישים קעגן דעם. מען איז געגאנגען פון איין פעלד צום צווייטען, און מען האט אראפגעשניטען, און מען האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש באקוקען, און יעדע מצומח האט מען געלייגט אינדערזייט, און מען האט געזען אז עס זאל זיין דריי פיר מאל שישים אקעגן די מצומחים. דאס מיינט, אז פון צוויי הונדערט פערציג ווייצלעך, זאל מען נישט האבן מער פון פיר מצומחים. און דעמאלטס האט מען געשניטען דעם פעלד.

**א' האברכים:** אינדערהיים האט מען אויך געציילט פיר פינף מאל שישים?

**רבינו:** אינדערהיים איז געווען נאכמער וויכטיג צו ציילן, ווייל מען האט געקויפט די ווייץ אויף די גאס, מען איז נישט געגאנגען שניידען. שמירה משעת קצירה איז געווען נאר ביי א פאר געציילטע יודען.

**א' האברכים:** פארוואס טאקע האבן זיי נישט גענומען שמירה משעת קצירה?

**רבינו:** ווייל מען האט נישט געקענט. עס איז נישט געווען אזוי פעלדער מיט פאבריק'ן, און די קהלות האבן נישט געבאקן. נאר אין א גרויסע שטאט ווי פעסט, האט מען געבאקן מצות פאר די שטאט.

**א' האברכים:** אבער די ערליכע יודען, די רבי'ס.

**רבינו:** זיי האבן יעדער איינער געשניטען פאר זיך, און ער האט אהיימגעטראגען וויפיל ער האט געדארפט. אבער רוב מענטשען האבן געקויפט ווייץ אינדרויסן, האט מען געמוזט ציילען. ווי אזוי האט ער געוואוסט וואס פארא ווייצלעך ער האט געקויפט, אפשר איז עס חמץ'דיגע ווייץ. און עס איז געווען יארן וואס מען האט זיך טאקע געמוטשעט. מען קוקט נאך אין די פוסקים, מען האט געפרעגט א שאלה, איך האב אפגעציילט די ווייץ און איך האב געטראפן ווייניג, אדער פארשימעלט, און מצומח, קען מען זיך יא פארלאזן, אדער נישט פארלאזן.

**א' האברכים:** יעצט גייט מען אויך קוקען?

**רבינו:** יעצט איז נישטא אזוי וואס צו קוקען, ווייל עס האט נאכנישט געהאט גענוג צייט אז עס זאל ווערן מצומח. אויב ער איז נאך צריך לקרקע, ווערט ער נישט חמץ. יעצט האט נישט גערעגנט.

**א' האברכים:** וואס איז דער פשוטער תירוץ אויף די קשיא, אז אויב א חלק איז מצומח, הייסט עס אז עס איז געווען רעגן, און אויב עס איז דא רעגן,

איז דאך די הלכה אז אפילו עס איז נישט מצומח איז עס אסור (על פי שו"ע סימן תס"ז סעיף ב').

**רבינו:** דאס האט מען נישט אנגענומען. אויף דעם האט מען זיך פארלאזט אז עס גוט (עיין **בשו"ת דברי חיים** (סימן ל"ט) דאם בעת הקצירה החטים עדיין צריכין לקרקע אין חשש על החטים שאינם מצומחים. וע"ע **בשו"ת מהר"ם שיק** (או"ח סימן רי"ז).

**א' האברכים:** ווי גרין דארף עס זיין, אז עס זאל זיין זיכער גוט.

**רבינו:** ווייסט מען דען. אז מען זעהט אז עס איז צריך לקרקע. גרין איז צריך לקרקע.

**א' האברכים:** דער **ערוך השלחן** (סימן תס"ז סעיף כ') מאכט א פראבלעם, אז צו גרין טויג אויך נישט. וואס מיינט ער?

**רבינו:** אז אויב עס איז נאכנישט געוואקסען גענוג, עס איז נאך האלב אדער שליש, איז עס נאך פייכט, און עס קען שנעלער ווערן חמץ, אויב מען גיט נישט געהעריג אכט דערויף.

**א' האברכים:** פון ווי נעמט זיך דאס וואס אין אסאך פלעצער באקוקט מען די מאוסטשע"ר, אז עס זאל זיין ביי נאמבער צוועלף אדער דרייצן.

**רבינו:** ווייל דער גוי לאזט נישט שניידן נאר ווען דער מאוסטשע"ר איז אים גענוג ווייניג, אז עס זאל נישט ווערן פארשימעלט. זיין מאשין וועט עס נישט שניידן, עס וועט אים קאליע מאכן די ווייץ. דער גוי האט נישט געלאזט שניידן זיין פעלד, ביז ער האט נישט געוואוסט אז די מאוסטשע"ר איז גוט. וואס וועט ער טון, ער וועט עס אפשניידען און ער וועט עס אריינלייגען אין מאגאזין, און נאכדעם וועט מען אים זאגען, אז די ווייץ איז געווארן פארשימעלט.

**א' האברכים:** עס איז דא וואס זאגן, אז אויב עס האט נאך א מאוסטשע"ר איז א סימן אז עס איז נאכנישט פארטיג אינגאנצן.

**רבינו:** אויף דעם דינגט מען זיך. אין אנדערע ווערטער איז דער פשט אזוי. ווילאנג עס איז צריך לקרקע, ווערט עס נישט חמץ. ווען הייסט אז עס איז צריך לקרקע, ביז וויפיל איז צריך לקרקע. פשוט האט מען געלערנט, אז אויב מען זעהט אז די קרקע טוט נאך אויף עפעס אויף די ווייץ, איז עס צריך לקרקע. אז ער איז נאך גרין, און ער גייט ווערן געל, איז ער נאך צריך לקרקע. די מחמירים האבן אבער געלערנט, אז די אגריקאלטשע"ר דיפארטמענ"ט זאגט, אז יעצט גיט שוין די פעלד גארנישט צו צום ווייץ. איי עס ווערט געל, א באנאנע ווערט אויך געל. ווען מען וועט אראפשניידען יעצט די ווייץ פונעם פעלד, איז ער אינו צריך לקרקע, די קרקע טוט שוין גארנישט אויף פאר אים יעצט. די מקילים האבן געטענ'ט, ווער זאגט אז זייער צריך לקרקע איז אזוי ווי אונזער צריך לקרקע, אפשר איז יא דא עפעס א כח אין די ערד, ביז א פרי איז נישט אינגאנצן פארטיג, און עס איז יא צריך לקרקע.

**א' האברכים:** די לשון פונעם **רשב"א** (בשו"ע סימן תס"ז סעיף ה') איז, אז נאר ווען עס איז נתייבשו לגמרי קען עס ווערן חמץ.

**רבינו:** אויף דעם דינגט מען זיך, וואס עס הייסט לגמרי.

*

**רבינו** (אחר שהביאו לפניו כמה בצלים שמצאו בשולי השדה): אז מען זוכט טרעפט מען.

**א' האברכים:** עס וואקסט צוזאמען מיט די ווייץ?

**רבינו:** עס וואקסט ביי די עקן פון די פעלד.

**א' האברכים:** וואס איז די פראבלעם דערפון?

**רבינו:** טאמער עס גייט אריין צוזאמען מיט די ווייץ, סיי עס קען נאס מאכן די ווייץ, ווען מען צוקוועטשט עס. און נאכדעם, עס בלייבט דאך א שטיק קנאבל, און ווען מען לייגט עס אריין צוזאמען מיט די מעל און וואסער, האט מען אינווייניג א דבר חריף, וואס איז ממהר להחמיץ.

**א' האברכים:** עס האט א דין ווי מי פירות?

**רבינו:** עס איז ערגער פון מי פירות, ווייל עס איז א דבר חריף.

**א' האברכים:** ווען דער קאמביין שניידט עס, און ער דרעשט עס, קען עס מאכן א פראבלעם.

**רבינו:** עס ווערט נאס די פאר ווייצלעך וואס איז ארום דעם. די פראבלעם איז, אויב מען צומאלט עס צוזאמען, און עס בלייבט צוזאמען מיט די מעל, און א דבר חריף ווערט נישט בטל.

**א' האברכים:** קומט אויס, אז ביי יעדע קאמביין איז דא דער חשש, אז עס איז דא אינווייניג צוויבל.

**רבינו:** יא.

**א' האברכים:** און דאס איז די אויפטו אז מען קלויבט די ווייץ.

**רבינו:** איינע פון די אויפטוען.

מען זאגט נאך אז דער **צאנזער רב** האט געהאלטן אז ווען מען טרעפט א שטיקל צוויבל טאר מען נישט שניידען די גאנצע פעלד, ווייל עס גיט אריין א חריפות אין די גאנצע פעלד (עיין **בשו"ת דברי יציב** או"ח סימן קצ"ז אות ח', ובספר **דרכי חיים** במדור העובדות אות ס"ט, בשם **הגה"צ מבארדיוב זצ"ל**).

**וסיים רבינו:** ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מען קען נאך עסן פון די ווייץ צוזאמען מיטן קרבן פסח. עס איז נאכנישט מוכשר לקבל טומאה, עס איז נאכנישט געקומען וואסער דערויף. מען קען עס אוועקלייגען פאר ערב פסח מצות.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **בעריש עסטרייכער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלום אליעזר גראס** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת בהעלותך</u>***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **ישראל וויניצער** שליט"א), להבחן על פרק א' ממסכת קידושין.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישכר דוב וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

אחר הפדיון הבן חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יונתן יוסף מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שאול ראטטענשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א** רב דבית המדרש אבני צדק (ק"י, חתן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הגה"צ רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א** אב"ד ברעזאן, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **שמואל טויבער** הי"ו (מאנסי, בן הר"ר **יחיאל טויבער** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **ליפא ברייער** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

*

***<u>יום רביעי פרשת בהעלותך</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות אחר הצהרים עלה **רבינו שליט"א** לבית משפחת הר"ר **אליעזר פרענקל** ע"ה (ראש הקהל דסאמבאטהעלי) לרגל נדבותם לטובת בניית ושיפץ המקוה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**איך** בין באמת מכיר טובה פאר די משפחה, וואס האבן זיך אריינגעלייגט צוצוהעלפן איבערצובויען די מקוה. די הכרת הטוב הייבט זיך אן פון אסאך יארן פריער. איך האב אסאך צו פארדאנקען פאר רבי אליעזר ע"ה, אויף דעם וואס איך בין צוגעקומען ביז היינט. ער האט נאך געהאלפן ביי מיין טאטען אין שטוב, ער איז געווען פון די גרעסטע שטיצער'ס. ער האט אלץ געזעהן, אז עס זאל גארנישט פעלן וואס מען דארף צו האבן אין שטוב. און מיר פערזענליך, ווען איך בין געווארן רב [בק"ק סאמבאטהעלי], און איך האב געעפנט א ישיבה, האט ער געטון מער ווי א טאטע טוט פאר א קינד. סיי ער האט געגעבן פון די אייגענע טאש, און סיי ער איז ארומגעגאנגען בייגאכט צו מענטשען אין שטוב, פארשאפן געלט פאר די ישיבה. ער האט אלע יארן געדאוונט אין בית

המדרש, און אויף א פלאץ וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען, איז דא א השראה פון זיין עבודת ה' אויף דעם מקום. מען געפונט ביי צדיקים, אז זיי האבן מתפלל געווען אויף א מקום וואו צדיקים האבן גדאוונט, אפילו זיי זענען שוין נישט דארט געווען, ווייל די עבודת ה' לאזט איבער א השראה אויף דעם מקום. ר' אליעזר האט גדאוונט אלע תפלות און געלערנט יעדע נאכט אין בית המדרש, בלייבט איבער א שורש פון די נשמה אויף דעם מקום פון זיין עבודה.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (במדבר ח-ב), בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. עס איז געווען א מצוה, אז די זעקס קני המנורה זאלן זיין געבויגען אל מול פני המנורה, צו די מיטן פון די מנורה. אין די ספרים הק' שטייט אסאך ביאורים וואס די רמז דערפון איז. דער הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו לז.) זאגט, אז עס גייט ארויף אויף א רבי מיט תלמידים. די מיטלסטע פון די מנורה, דאס איז דער רבי, און די קני המנורה, דאס זענען די תלמידים וואס קומען ארויס פון אים. און זיי דארפן זיך בייגען אל מול פני המנורה, והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ).

**אז** דער חתם סופר זאגט, אז עס גייט ארויף אויף א רבי מיט די תלמידים, קען זיין אז עס גייט אויך ארויף אויף א טאטע מיט קינדער. די מיטלסטע פון די מנורה דאס איז דער טאטע פון די משפחה, און די קני המנורה דאס זענען די קינדער וואס קומען ארויס, יעדער איינער האט זיך זיין נר וואס לייכט. מען קען נאר לייכטן ווילאנג מען איז דא אויף דעם עולם, במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). אבער די קני המנורה, די דארפן צוטון פאר די ליכטיגקייט פונעם טאטן. דורך דעם וואס זיי טוען דברים טובים לעילוי נשמתו, לייכט ער ווייטער. די תורה הק' האט געהייסען, אז די קני המנורה וואס קומען ארויס פון די מנורה, זאל זייער ליכט זיין געבויגען אל מול פני המנורה, זיי זאלן קוקען אויף די פני המנורה, און זעהן אז זייער ליכטיגקייט זאל אנקומען אל מול פני המנורה. - אז מען טוט א נייח נפשא, א עילוי נשמה, אויף דעם מקום וואס ער איז געווען אזויפיל יארן, אז דאס פלאץ זאל קענען ווייטער אנהאלטן פאר תורה און תפלה, ברענגט דאס צו אז די נשמה זאל ווייטער לייכטן. זאל דער אייבערשטער געבן, חפץ ה' יצליח, מען זאל עס קענען גרינג גומר זיין, און מען זאל האבן הצלחה אין אלעס וואס מען טוט, און מען זאל קענען טון מצות און מעשים טובים גרינגערהייט, מיט נחת און הרחבת הדעת.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהודא צבי בערטראם** הי"ו (נכד הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו), שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אלי' יוסף ברוין** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **אפרים פישל פעלדמאן** הי"ו (מאנטריאל), שהתקיים באולם שיקס מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר תפלת מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו (בן הרב **יצחק פריעדמאנן** שליט"א), שהתקיים באולם סעליש, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די פרשה פון ויהי בנסוע (במדבר י-לה). ויהי בנסוע איז א קליינע פרשה, און אין די גמרא (שבת קטז.) איז דא א דיעה, אז עס איז א עקסטערע ספר פאר זיך. חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א), א ספר תורה איז איינגעטיילט אין זיבן ספרים, ווייל במדבר אליין איז דריי ספרים, איין ספר ביז ויהי בנסוע, און ויהי בנסוע איז א ספר, און נאכדעם איז דא נאך א ספר. און ויהי בנסוע האט סימניות, עס האט א סימן פאר די פרשה און נאך די פרשה, צו ווייזען אז די פרשה איז שלא במקומה (שבת קטז:). און דער סימן דערויף איז א נו"ן הפוכה, א אות נו"ן וואס איז איבערגעדרייט.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בליקוטים בפרשתנו) זאגט, אז מען געפונט אין מדרש (ב"ר צז-ג), אז פיש האבן

אין זיך א טבע, אז ווען עס קומט רעגן פון הימל, קומען זיי ארויס פון די וואסער, און זיי עפענען אויף די מויל, כדי צו באקומען א טראפ וואסער פון די רעגן וואס קומט אראפ פון אויבן. כאטש עס פעלט זיי נישט קיין וואסער, פון דעסטוועגן דאך איז זייער טבע, אז זיי טוען משתוקק זיין אויף די רעגן וואס קומט פון אויבן. זאגט דער **חתם סופר**, ווייל רעגן וואס קומט פון אויבן, דאס איז א שפע עליון, דאס איז א שפע וואס קומט פון דער הייעך. און דער שפע פון וואסער וואס זיי האבן דא, איז א שפע פון דער וועלט. און זיי זענען משתוקק אויף א שפע פון אויבן, וועגן דעם כאטש זיי האבן גענוג וואסער, טוען זיי עפענען דאס מויל, מקבל צו זיין די טראפן פון די רעגן וואס קומט אראפ.

**זאגט** דער **חתם סופר**, יודען זענען דעמאלטס געווען אין א שוואכע מדריגה, אזוי שטייט אין רש"י (שבת שם), אז זיי זענען אוועקגעאנגען פון מדבר סיני, כתינוק הבורח מבית הספר. זיי זענען נישט געווען אין די מדריגה פון פיש וואס זוכט שפע עליון, ער וויל באקומען נאך עפעס פון אויבן, נאר זיי האבן נישט געוואלט באקומען מער. נו"ן ווייזט אויף א פיש, פיש ווערט אנגערופן נונא (נדרים נד:). וועגן דעם איז דער נו"ן הפוכה, ווייל זיי זענען געווען אנדערש ווי די פיש, זיי האבן נישט משתוקק געווען צו באקומען די שפע פון אויבן.

**מען** קען צוגעבן דערצו א ווארט, די פיש האבן גענוג וואסער צו טרינקען, אבער זיי זענען נישט מחשיב דאס וואס זיי האבן, נאר זיי ווילן האבן נאך, עס איז ביי זיי א חשיבות דאס וואס זיי קענען באקומען נאך א טראפ וואסער. כאטש זיי האבן גענוג, זענען זיי זיך נישט מסתפק מיט דעם וואס זיי האבן. און דאס איז די חשיבות פון א יוד, אז ער זאל נישט זיין צופרידן מיט וויפיל ער האט. וואס ער האט, האט ער דאך שוין, ער דארף אלץ משתוקק זיין, אז ער זאל קענען צובאקומען נאך א מצוה, און קענען צוקומען צו נאך א מדריגה. ער זאל נישט זיין צופרידן מיט די מדריגות וואס ער האט שוין ביז יעצט, נאר ער זאל זעהן צוצובאקומען נאך. די פיש כאטש זיי לעבן אין וואסער, און זיי האבן גענוג וואסער, אבער אז זיי קענען באקומען נאך א טראפ וואסער, הייבן זיי זיך אויף מקבל צו זיין נאך. און יודען זענען נישט געווען אזוי, זיי האבן מקבל געווען די תורה, און זיי זענען געווען צופרידן, מען האט גענוג ארויפגעלייגט אויף אונז, און זיי האבן מורא געהאט אז מען וועט זיי צוגעבן נאך מצות, און זיי האבן נישט משתוקק געווען אויף נאך א מצוה. עס איז געווען א נו"ן הפוכה, אנדערש פון א געווענליכע פיש וואס איז אומצופרידן, און ער באגענוגט זיך נישט מיט וואס ער האט שוין, נאר ער וויל האבן נאך. אבער יודען האבן זיך באגענוגט, איך האב שוין גענוג תורה, איך בין שוין אנדערש פון דעם גוי, און עס איז גענוג וויפיל איך בין מקיים, איך דארף נישט מער. האט די תורה געשריבען א נו"ן הפוכה צו ווייזען, אז דאס איז א פארקערטע מדריגה פון וואס עס איז דא ביי פיש.

**ווען** א בחור גייט אריין לעול המצות, ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, דארף ער געדענקן אז די חשיבות פון יודען זענען, וידגו לרוב בקרב הארץ (בראשית מח-טז), אז מען זאל האבן אין זיך די מדה פון דגים, אז וויפיל מען האט, אפילו מען קען שוין א מסכת, מען קען שוין צוויי מסכתות, דארף מען נישט זיין צופרידן אז איך קען שוין מער פון א צווייטען, נאר מען דארף פראבירן צו שטייגען און האבן א שמחה אין יעדע טראפ תורה וואס מען קען נאך קונה זיין.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"צ רבי יהושע העשיל ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מקליוולאנד-סטראזניץ, עב"ג בת **הרה"צ רבי ישעי' לאבין שליט"א** האדמו"ר מזידיטשוב, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***יום חמישי פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **ישראל מנחם קאהל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בנימין פוקס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **ישראל מנחם קאהל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שישי פרשת בהעלותך</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **משה שמואל מעזעי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**בהעלותך** את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). עס איז געווען א מצוה אז מען זאל אנצינדען די מנורה אינעם משכן, און שפעטער אין בית המקדש. און די אויסשטעל פון די מנורה האט געדארפט צו זיין, אז אלע נרות פון די זייטן זאלן זיין געבויגען אל מול פני המנורה, צו די אמצעי שבמנורה, צו די גוף המנורה, וואס דאס איז געווען דער נר המערבי לויט כמה דיעות (מנחות צח:).

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז אלע עבודות וואס איז געווען אינעם בית המקדש, האט געלערנט פאר א יוד א וועג אין עבודת ה'. יעדע סארט עבודה, יעדע כלי, די שלחן, די ארון, אלעס קומט מרמז צו זיין אויף א סדר אין עבודת ה'. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו (שמות כה-ט), מען דארף צו טון אזוי ווי דער תבנית פון די משכן מיט די כלים. און די מפרשים זאגן כמה רמזים אויף וואס עס ווייזט די ששת קני המנורה, מיט די מיטלסטע חלק פון די מנורה. און וואס עס האט געוויזען אז עס דארף צו זיין אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות.

**עס** קען אפשר זיין א ענין, מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה. עס איז דא זיבן מדות, חסד, גבורה און אזוי ווייטער ביז מלכות. יסוד איז די זעקסטע מדה, און דאס איז די העכסטע קדושה וואס איז שייך ביי א יוד, אז ער זאל זיך מקדש זיין אין די מדה פון קדושה. עס איז ניתן להאמר, אז די מיטלסטע חלק פון די מנורה, וואס דאס איז געווען דער נר המערבי, וואס איז געווען דער נר וואס איז געווען די נאנסטע צום אייבערשטען, דאס האט געוויזען אויף די מדה פון יסוד. און די איבריגע זעקס נרות, האבן געוויזען אויף די אנדערע זעקס מדות. דער נר המערבי, די מיטלסטע מדה, דאס איז געווען נאנט צום אייבערשטען. און ביי דעם נר האט פאסירט נסים, אז עס האט געברענט בייטאג און ביינאכט. ווייל יעדער נר האט געוויזען אויף א סדר אין עבודת ה', און עס האט געברענגט א השפעה אין די עבודה. אין די מדה פון יסוד, דארף א מענטש זיין נזהר שטענדיג, פיר און צוואנציג שעה אין טאג, און וועגן דעם האט דער נר שטענדיג געברענט, עס האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן, צו ווייזען, אז די עבודה, אז מען זאל זיך קענען היטן און זיין ערליך, איז א עבודה וואס גייט אן בייטאג און ביינאכט,

**איך** האב געזען שטיין פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אז דער פיוט פון א-ל מסתתר, איז אויסגעשטעלט לויט די זיבן מדות. און ביי די מדה פון יסוד זאגט מען, יסוד צדיק בשבעה נעלם, אות ברית היא לעולם. האט ער געזאגט אזוי, אז יעדע מדה פון די זעקס מדות, איז א מדה פאר זיך אליין, איין מדה איז נישט צוגעבינדן צו די אנדערע מדה. מיר וועלן אנכאפן א משל, די ערשטע מדה איז חסד, און די צווייטע מדה איז גבורה, א מענטש קען זיין אויסגעארבעט אין די מדה פון חסד, אפילו ער איז נישט אויסגעארבעט אין די מדה פון גבורה, עס איז נישט א סתירה איינס מיטן אנדערן. אין די מדה האט ער זיך משלים געווען, און אין די מדה האט ער זיך נישט משלם געווען. אבער די מדה פון

יסוד, וואס דאס איז קדושה, די מדה איז נוגע צו אלע זיבן מדות. עס איז נישט שייך א שלימות אין סיי וועלכע מדה, אויב מען האט נישט קיין שלימות אין די מדה. זאגט ער, יעדע מדה איז עקסטער פאר זיך אליין, אבער די מדה פון 'יסוד צדיק', איז 'בשבעה נעלם', דאס איז באהאלטן אין אלע זיבן מדות, ווייל מען קען נישט צוקומען צו קיין איינע פון די זיבן מדות, ביז מען האט נישט א חלק אויך אין די מדה.

**קומט** אויס, אז די מיטלסטע מדה, וואס דער נר המערבי האט געוויזען אויף די מדה פון יסוד, האבן זיך אלע זעקס נרות געבויגען אל מול פני המנורה, צו ווייזען, אז די זעקס נרות וואס זענען מרמז אויף די זעקס מדות, קען נישט יעדע נר פאר זיך אליין ברענען, נאר ווען מען האט אויך די מדה פון יסוד, וואס דאס איז די אמצעי שבמנורה. אז מען וויל אז אלע נרות זאלן לייכטן, דארפן אלע זעקס נרות זיין געבויגען צו די מיטלסטע נר פון די מנורה.

**דער** אייבערשטער העלפט, אז מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, מיינט דאס נישט נאר די ברית וואס מען האט יעצט געמל'ט דאס קינד, נאר עס איז א הכנה, אז מען זאל קענען מגדל זיין דאס קינד ווייטער אויך, אויסצושטייגען ערליך אין תורה ויראת שמים. דער פסוק (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי, גייט ארויף אויף ברית מילה (נדרים לא:), כאטש ברית מילה איז נאר א מצוה וואס איז ביום, מען קען נישט מל'ן ביינאכט, אבער דאס איז א המשך צו קדושת הברית, וואס דאס איז שטענדיג יומם ולילה, און די התחלה דערפון איז דער ברית מילה. אם לא בריתי יומם ולילה, ווען נישט די מצוה פון ברית מילה, וואס דאס איז נישט נאר א ברית וואס איז נוגע פאר יעצט, נאר עס איז בריתי יומם ולילה, איז חוקות שמים וארץ לא שמתי.

*

***שבת קודש פרשת בהעלותך***

בקריאת התורה התקיים הבאוארפן של החתן **שלמה זלמן גלויבער** נ"ו (בן הר"ר **חיים יעקב גלויבער** הי"ו), ושל החתן **מנחם לעפקאוויטש** הי"ו (בן הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.